Tues 12/30/80

# פּויפּסט נעמט אַרויס אַ אידישן פּסוק פֿון אַלטן קריסטלעכן אַרסענאַל

פֿון הרב אהרן בן ציון שורין

**„אַן אויג פֿאַר אַן אויג“, לויטן פּויפּסט, און דער אַנגענומענער אידישער טייטש. — דער וויכּוח פֿון רב סעדיה גאון מיט דעם קאַראַאימער בן־זוטא. — דער ענטפֿער, אויף אַ שטאַרקער פֿראַגע, פֿון „הכּתב והקבלה“ און פֿון רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק.**

אין אַ פֿריערדיקן אַרטיקל אין „פֿאָרווערטס“ (פֿרייטיק, דעצעמבער 26, 1980) האָבן מיר גערעדט וועגן דעם פּסוק „עין תחת עין“ („אַן אויג פֿאַר אַן אויג“), ווי די קריסטלעכע וועלט טייטשט אויס דעם פּסוק, און ווי די אידישע טראַדיציע טייטשט דעם פּסוק, זינט די צייטן פֿון משה רבנו ביז היינט.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט וועגן דעם, ווייל דער פּויפּסט, דזשאָן פּאָול דער צווייטער האָט איצט ווידער אַרויסגענומען דעם דאָזיקן פּסוק פֿון דעם אַלטן קריסטלעכן אַרסענאַל, כּדי צו שיסן מיט אים דירעקט אין האַרצן פֿון דער אידישער אמונה און תּורה.

אין זיין „ענציקליקע“ (פּויפּסטלעכער צירקולאַר) פֿון 2טן דעצעמבער, 1980, האָט דער פּויפּסט אַזוי געדרשנט:

„די לערע פֿון „אַן אויג פֿאַר אַן אויג“ איז געווען אַ פֿאַרקריפּלונג פֿון גערעכטיקייט אין דער דאַמאָלסדיקער צייט (פֿון יעזוס׳ן, מיט אַרום צוויי טויזנט יאָר צוריק) און די

גאון און דעם קראי (קאַראַאימער) בן־זוטא. דער קאַראַאימער בן־זוטא טייטשט דעם פּסוק ווערטערלעך, אָט אַזוי ווי יעזוס האָט געטייטשט אַמאָל, און ווי אַזוי דער איצטיקער פּויפּסט טייטשט היינט.

רב סעדיה גאון, פֿאַרשטייט זיך, טייטשט דעם פּסוק לויט חז״ל, ווי מיר וועלן באַלד דערמאָנען זיינע אַרגומענטן מיט דער קאַראַאימער בן־זוטא.

רבי אַבֿרהם אבן עזרא באַמערקט אין זיין קאָמענטאַר, אַז אויסטייטשן די מצוות פֿון דער תּורה מוז מען נאָר לויט חז״ל. ווייל, פּונקט ווי מיר האָבן געקראָגן די „תּורה שבּכתב“ פֿון די אָבֿות, האָבן מיר פֿון זיי אויך געקראָגן די „תּורה שבעל פּה“. וואָרים, ביידע תּורות זיינען איינס און די זעלבע. און די „תּורה שבעל פּה“ טייטשט דאָך

דעם פּסוק „עין תחת עין“ — ממון (געלט).

רבי יעקב צבי מעקלענבורג (1785—1865) קעניגסבערגער רבֿ, אין זיין ספֿר „הכּתב והקבלה“ ערשטע אויפֿלאַגע (לייפּציג 1839), (ויקרא, כ״ד, יט״) באַמערקט: „פּרשה זו קשה מאד“, די פּרשה איז זייער אַ שווערע. ווייל נאָך אַלעמען שטייט דאָך קלאָר אין פּסוק: „אַן אויג פֿאַר אַן אויג“.

אַז די פּרשה איז זייער אַ שווערע זעט מען אויך פֿון דעם, וואָס אַלע באַרימטע מפרשים פֿון תּורה האָבן ברייט קאָמענטירט וועגן דעם פּסוק.

ערשטנס, ווייל די מפרשים בכלל זיינען פֿאַראינטערעסירט אָפּצוטייטשן אַ פּסוק ווי דער פּשט איז.

צווייטנס, איז מעגלעך — אָפּצוואַרפֿן די טענות פֿון די קאַראַאימער, וועלכע האָבן געוואָלט פֿאַרלייקענען „תּורה שבעל פּה“.

דריטנס, איז אויך מעגלעך, אַז די מפרשים האָבן אויך געצילט אָפּצוענטפֿערן אַלע די וועלכע ווילן פֿאַלסיפֿיצירן אַ פּסוק.

אַלע מפרשים, זעען מיר, שטיצן זיך אויפֿן כּלל, אַז די געלטלעכע שטראָף מוז שטענדיק זיין „מידה כּנגד מידה“ (אַ גערעכטע מאָס), אָדער ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט: „משפט אחד יהיה לכם“ (ויקרא, כ״ד, כ״ב) און די גמרא טייטשט אָפּ דעם פּסוק: „משפט השוה לכלכם“ — איין געזעץ זאָל זיין פֿאַר אַלעמען גלייך!

אין גייסט פֿון „גלייכע גערעכטיקייט“ זאָגט רב סעדיה גאון, אַז מ׳קען בשום אופֿן נישט טייטשן דעם דערמאָנטן פּסוק ווערטערליך: וואָרים, ווי למשל:

ראובן, מיט זיין קלאַפּ אין שמעון׳ס אויג, האָט צוגענומען ביי שמעון׳ען 30 פּראָצענט פֿון זיין זעה־קראַפֿט. נו, אויב מיר טייטשן דעם פּסוק „עין תחת עין“ ווערטערליך, דאַרף מען איצט אויך אויסקלאַפּן ביי ראובנ׳ען 30 פּראָצענט פֿון „זיין“ זעה־קראַפֿט.

נו, איז דען מעגליך אַזאַ זאַך? — ס׳איז דאָך זיכער מעגלעך, אַז ביים קלאַפּן אין ראובנ׳ס אויג וועט מען אים גאָר איינגאַנצן בלינד מאַכן. און ס׳איז אויך מעגלעך, צוליב אַ קאָמפּליצירטער פֿאַרגיפֿטונג, זאָל גאָר ראובן שטאַרבן.

טאָ ווי אַזוי וועט דאָ זיין די גערעכטיקייט? (אָדער מידה כּנגד מידה). עס וועט דאָך גאָר זיין „נפש תחת עין“.

קעגן דעם האָט גע׳טענה׳ט און געפֿרעגט דער קאַראַאימער בן זוטא:

ווי וועט זיין, אַז דער שלעגער ראובן איז אַן אָרימאַן און האָט נישט קיין געלט צו באַצאָלן דעם געליטענעם? — טאָ וואו וועט אין דעם פֿאַל זיין די גערעכטיקייט?

רב סעדיה גאון האָט געענטפֿערט: און ווי וועט זיין, לויט דעם בן־זוטא, אַז אַ בלינדער האָט אויסגעהאַקט אַן אויג פֿון אַ זעענדיקן? — און רב סעדיה גאון האָט אויסגעפֿירט: אַן אָרימאַן קאָן נאָך אַמאָל רייך ווערן, און וועט קענען באַצאָלן. אָבער, וואו וועט זיין די גערעכטיקייט ביי דעם בלינדן שלעגער? ער איז דאָך סאַי־ווי בלינד. און דערפֿאַר פֿירט אויס דער אבן עזרא, אַז די גערעכטיקייט קען קיינמאָל נישט דערגרייכט ווערן אין טייטשן דעם פּסוק „כּמשמעו“, ווערטערלעך.

אין זעלבן גאַנג, מיט די זעלבע און אַנדערע אַרגומענטן, ערקלערן דעם פּסוק „עין תחת עין“, לויט חז״ל, די אַלע אַנדערע מפרשים פֿון תּורה, דער רמב״ן, דער רבנו בחיי, און אויך רבי יהודה הלוי אין „כּוזרי“, (מאמר שלישי, מ״ה, מ״ז).

אָבער נאָך אַלע איבערצייגנדע

(שלוס אויף זייט 12)

איך ווייס וואָס איר טראַכט.

בער, 1980, האט דער פויפסט אזוי גע׳דרש׳ענט:

„די לערע פון „אן אויג פאר אן אויג" איז געווען א פארקריפלונג פון גערעכטיקייט אין דער דאמאלס־דיקער צייט (פון יעזוס׳ן, מיט ארום צוויי טויזנט יאר צוריק) און די דאזיקע פארמולע ווערט באר אויך היינט פארגעזעצט".

אין די איצטיקע „קריסטמעס־טעג", ווען די קריסטלעכע קירכע גיסט מיט דעם ווייך פון דער „רחמנות׳דיקער קריסטלעכער רעלי־גיע", האט דער פויפסט זיך ווידער גענומען צו דעם אלטן אידישן פסוק... ער האט מיט דעם געוואלט באווייזן, אז די אידישע תורה איז א תורה פון בלוטיקע געזעצן און פון הארטער נקמה, בשעת די קריסטלעכע רעליגיע שטעלט רחמ־נות העכער ווי די הארבע גערעכ־טיקייט פון אידישן פסוק, וועלכער פאדערט „אן אויג פאר אן אויג". און די קריסטלעכע רעליגיע, לויט יעזוס׳ן לערנט, אז „ווען איינער שלאגט דיך אויף דער רעכטער באק שטעל אים אויך אונטער די אנדערע..." (מתיא 5, 38).

איך האב שוין אין דעם פרי־ערדיקן ארטיקל דערמאנט דעם רמב"ם, אז אידן האבן קיינמאל נית געטייטשט דעם פסוק ווערטער־לעך (ווי עס ווילן זאגן די קריסטן), נאר, אז זינט די טעג פון משה רבנו, ביז היינט, האבן אידן גע־טייטשט דעם פסוק „עין תחת עין — ממון", אז דער שלעגער דארף באצאלן געלט פארן אויג. און אזוי זאגט די גמרא אין בבא קמא דף פ"ד.

דער אבן עזרא אויפן פסוק „עין תחת עין" (שמות, כ"א, כ"ד) ברענגט א ויכוח צווישן רב סעדיה

# פויפסט נעמט ארויס אידישן פסוק פון אלטן קריסטלעכן ארסענאל

(שלוס פון זייט 5)

פירושים לויט חז"ל, פון די אלע דערמאָנטע מפרשים, אַז דער פסוק „אַן אויג פאַר אַן אויג" מיינט געלט און ניט קיין פיזישע שטראָף. ווי ס'זאָגט זיך ווערטערליך אין פסוק, בלייבט נאָך אַלץ איין גרויסע פראַגע. און די פראַגע ברענגט דער דערמאָנטער „הכתב והקבלה". ער זאָגט אַזוי: די אמת־זוכער (דורשי האמת) פרעגן: היאך תזכיר התורה העונש שהיה ראוי לחול עליו, ותעלים וממנו במה יענש באמת. די פראַגע מיינט אַזוי:

„אויב דער ערשטער מיין פון דער תורה איז טאַקע געווען „געלט פאַרן אויג" און ניט ווי ס'איז געשריבן בוכשטעבלעך — „עין תחת עין", טאָ האָט די תורה געקענט שרייבן באַלד „כסף ישלם תחת עין" (געלט באַצאָלן פאַרן אויג).

איך וויל דאָ אויך צוגעבן, אַז די זעלבע פראַגע האָט אויך געפרעגט דער באַרימטער באָסטאָנער רב, רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק, אין זיין יערלעכן שיעור, אין יאָרצייט־טאָג פון זיין פאָטער הגאון משה סאָלאָווייטשיק נ"ע (ג' שבט, תשי"ח — 1958).

הרב סאָלאָווייטשיק האָט דאַן, אין זיין גרויסן שיעור, געגעבן פאָלגענדן ענטפער:

„ווען די תורה וואָלט אָנפאַנגס אוועקגעשטעלט „געלט באַצאָלן פאַר אַן אויג", און ניט ווי ס'איז געשריבן, וואָלט עס אויסגעזען ווי די תורה אונטערשאַצט די ווירדע פון די מענטשלעכע גלידער.

אַן אויג איז עפּעס אַ קלייני־קייט?!

ס'איז דאָך די ליכטיקייט פון מענטשן.

דאָס אויג איז דאָך די קרוין אין מענטשלעכן גוף.

דאָס גאַנצע גליק פון מענטש זיינען דאָך זיינע אויגן!

און דאָ וועט קומען די תורה און וועט זאָגן גאָר אַז אַן אויג איז ניט מער ווי „שוה־כסף". מען קען דאָס אָפּקויפן פאַר געלט...

נו, וועט אַ ליאַדע אונטערוועלט־ניק זאָגן, אַז מיר לוינט זיך צו באַצאָלן מיט געלט פאַרן אויג פון אַ געוויסער פערזאָן...

דערפאַר האָט די תורה אין פרינ־ציפּ אוועקגעשטעלט „עין תחת עין", צו באַווייזן, אַז אָריגינעל איז די ג־טלעכע שטראָף „אַן אויג פאַר אַן אויג", כדי מיט דעם צו לערנען די מענטשהייט, אַז ס'איז ניט פאַראַן אַזוי פיל געלט אין דער וועלט צו באַצאָלן פאַר יענעמס אַן אויג. ווייל יענעמס גליק און ליכט פון לעבן קאָן מען מיט קיין געלט־ערזאַץ ניט אָפּקויפן.

די אָריגינעלע ג־טלעכע שטראָף איז טאַקע מיט דער גאַנצער שטרענגקייט, אַז דער שלעגער דאַרף באַצאָלן מיט זיין אויג, כדי די שטראָף זאָל זיין אין איינקלאַנג מיטן פאַרברעכן.

די תורה איז אָבער ניט געבליבן שטיין ביי דעם, נאָר האָט צוזאַמען מיטן „אָריגינעלן דין פון סיני" באַלד אויך מיטגעגעבן אַ פירוש פאַרן מענטשלעכן געריכט. און דער פירוש פון „עין תחת עין" איז — געלט פאַרן אויג.

הרב סאָלאָווייטשיק האָט דאַן ווייטער געפרעגט:

ווי אַזוי דערקלערט זיך אָט די קאָמפּליצירטע פאָרמולירונג פון דער הלכה? — און ער האָט אַזוי געענטפערט:

די ג־טלעכקייט, וועלכע האָט אוועקגעשטעלט די שטרענגע שטראָף פאַרן אויסשלאָגן אַן אויג, האָט אָבער גלייכצייטיק אונז געלערנט אַז דער מענטשלעכער געריכט קאָן ניט דורכפירן ריכטיק די מאָס פון שטראָף. דער מענטש, וועלכער איז אַליין אַ זינדיקער, קאָן אים דערפאַר ניט איבערגעגעבן ווערן די שטרענגקייט פון דין. אַ מענטשלעך געריכט קאָן מאַכן אַ טעות. די אידישע הלכה איז זייער קאָמפּליצירט ביים פעסטשטעלן די שולד פון אַ מענטשן און די אומשטענדן ביי וועלכע אַן אומגליק איז געשען, און דעריבער האָט די תורה גלייכצייטיק געמוזט מאָדי־פיצירן די ג־טלעכע שטרענגקייט און ווייכער מאַכן דעם דין. דערי־בער איז אין דעם פאַל, ווי אין אַנ־דערע פאַלן פון באַשטראָפן אַ מענ־טשען פאַרן צונעמען יענעמס אַ גליד, געניצט געוואָרן דער פירוש פון — געלט אַלס שטראָף.

און הרב סאָלאָווייטשיק האָט באַטאָנט, אַז „געלט פאַרן אויג" איז בלויז די מאָדיפיקאַציע פון דין צוליב דער מענטשלעכער שוואַכ־קייט. אין ג־טלעכן פרינציפּ אָבער [illegible]

ווייפל ס'איז ווערט „זיין" אויג, דאָס אויג פון שלעגער (בבא קמא פ"ד). פאַרוואָס? — איז דער ענט־פער: ווייל אין פרינציפּ פון ג־ט־לעכער שטראָף איז דאָך געקומען דעם שלעגער אַרויסצונעמען זיין אויג, נאָר די תורה האָט עס פאַר־ביטן אויף געלט. דעריבער זאָגט רבי אליעזר אַז די געלט־שטראָף דאַרף זיין „דמי מזיק", ווי פאַר דעם אויג פון שלעגער.

דער „הכתב והקבלה" פאַרענט־פערט אַ ביסל אַנדערש די פראַגע: „פאַרוואָס שרייבט ניט די תורה באַלד 'כסף ישלם תחת עין'?" (מען זאָל באַצאָלן מיט געלט פאַרן אויג).

איך וויל דאָ נוצן בלויז די ערש־טע העלפט פון זיין ענטפער, וואָס מען קען צופּאַסן (אַריינגעקוועטשט) צו הרב סאָלאָווייטשיק'ס געדאַנק.

דער „הכתב והקבלה" זאָגט אַזוי: דער אויסדרוק „תשלומין" (באַצאָ־לען) פאַסט זיך ווען געלט דעקט די גאַנצע תביעה (מאַנונג). אַט אַזוי ווי אַ בעל חוב זאָגט: איך האָב באַצאָלט מיין גאַנצן חוב, וואָס איך האָב געליען. דאָס גלייכן פאַסט זיך דער אויסדרוק „באַצאָלן" (תשלומין) פאַר דעם שאָדן פון אַן אָקס, ווי די תורה זאָגט טאַקע „שלם ישלם שור תחת השור" (שמות כ"א, ל"ו), אָדער ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא כ"ד, כ"א): „ומכה בהמה ישלמנה". ווייל אין די פאַלן פון „באַצאָלן" פאַרן שאָדן פון אַן אָקס — פאַסט זיך דער אויסדרוק „ישלם". ווייל מיטן באַ־צאָלן האָט דער מזיק (שלעגער) גע־סילק'ט פולשטענדיק דעם גאַנצן חוב. אָבער ווען איינער האָט אויס־געשלאָגן יענעמס אויג, זאָגט דער „הכתב והקבלה", פאַסט זיך ניט אויף דעם דער אויסדרוק „באַצאָלן" (תשלומין), ווייל וויפל דער מזיק זאָל ניט באַצאָלן פאַרן אויסגע־שלאָגענעם אויג (נזק), איז נאָך אַלץ ניט גע'סילק'ט די פולע תביעה. געלט פאַר אַן אויג אַלס „נזק" איז נאָך ניט קיין פולשטענדיקע באַ־צאָלונג (כי אין עדיין תשלום גמור במלואו ושלמותו). דער ניזק האָט נאָך עפּעס מער צו מאָנען...

פון די אַלע הלכה'שע קוואַלן וואָס מיר האָבן געבראַכט אין דעם היינטיקן אַרטיקל, און אין דעם פריִיטיקדיקן אַרטיקל, איבער דעם פסוק „עין תחת עין" („אַן אויג פאַר אַן אויג"), קען מען זען קלאָר, אַז דער אידישער [illegible]

SEEKING HEIRS OF

א געווייסער פערזאן...

דערפאר האט די תורה אין פרינ־

SEEKING HEIRS OF

און הרב סאלאווייטשיק האט באטאנט, אז „געלט פארן אויג" איז בלויז די מאדיפיקאציע פון דין צוליב דער מענטשלעכער שוואכ־קייט. אין גטלעכן פרינציפ אבער האט דער שלעגער פארדינט אז מען זאל אים ארויסנעמען זיין אויג.

אין ליכט פון דעם געדאנק, האט באמערקט הרב סאלאווייטשיק, איז טאקע איצט פארשטענדלעך פאר־וואס רבי אליעזר זאגט אז דער שלעגער דארף באצאלן אזוי פיל

DENTIST Dr. Solomon

הייגנטיקן ארטיקל, און אין דעם פרייטיקדיקן ארטיקל, איבער דעם פסוק „עין תחת עין" („אן אויג פאר אן אויג"), קען מען זען קלאר, אז דער אידישער טייטש פון דעם פסוק איז קיינמאל ניט געווען גע־צילט צו „פיזישער שטראף", נאר צו געלט. און אזוי האבן אידן גע־פסק'ענט, זינט די צייטן פון משה רבנו אין אלע דורות (רמב"ם הלכות חובל ומזיק, פרק א', הלכה ו').

איז דעריבער א וואונדער, וואס דער פויפסט איז איצט ווידער ארויסגעקומען מיט דער „אלטער קריסטלעכער אויסטייטשונג" פון אידישן פסוק „אן אויג פאר אן אויג", וואס איז נאך מיט צוויי טויזנט יאר צוריק געווען א פאר־קריפלונג פון אמת...

at
se,
ax,
he,
.1,
the
ig-
ein
61
Y.,
of
eet
ing
95

Grace Ave.

of

ber
EY.
MN.
33
I.Y.